IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

**וואָס איז יבֿנה • What is Yavneh?**

by Hillel Zeitlin, translation by Arthur Green, Ariel Evan Mayse

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (March 2016)

For the online version of this translation:

http://ingeveb.org/texts-and-translations/what-is-yavneh

# וואָס איז יבֿנה?

# WHAT IS YAVNEH?

Hillel Zeitlin
translated by Arthur Green, Ariel Evan Mayse

**Introduction:** Hillel Zeitlin (1871-1942) was the leading figure of what may be called "philosophical neo-Hasidism" among Eastern European Jews in the pre-Holocaust era. A tireless author, journalist, and polemicist, he published constantly in both the Yiddish and Hebrew presses, offering a bold new vision of contemporary spiritual life grounded in his reading of Hasidic sources. But Zeitlin sought to become an activist as well as a literary figure. He was especially concerned with the situation of the rootless Jewish youth. Throughout his career as a public figure, beginning shortly after World War I, he issued calls for a new organization of Jewish life. In a series of articles published in the 1920s, he sought to form an elite Jewish spiritual fraternity to be called *Yavneh*, which was the most fully elaborated of his attempts at intentional community.

The following is a newly discovered, undated manuscript signed by Zeitlin: a single-sheet four-sided signed text in which he describes succinctly (brevity was not always one of his virtues) and clearly the nature of the group and its intended function.

To read more essays written by Zeitlin about *Yavneh* see:
https://ingeveb.org/texts-and-translations?tag=yavneh.
For more background on Zeitlin's *Yavneh*, please read the longer scholarly introduction here:
http://ingeveb.org/articles/the-great-call-of-the-hour-hillel-zeitlins-yiddish-writings-on-yavneh

# What is Yavneh?

[untitled manuscript, c. mid-1920's]

Yavneh wants to be for Jewry what Hasidism was a hundred and fifty years ago. This was Hasidism in its origin, that of the BeSHT. This does not mean that Yavneh wants to be that original Hasidism. It rather wants to bring into *contemporary* Jewish life the freshness, vitality, and joyful attachment to God in accord with the style, concepts, mood, and meaning of the modern Jew, just as the BeSHT did—in his time—according to the style, concepts, mood, and meaning of Jews of that time. Yavneh wants especially to revive the *soul* of Jews, not by organizing the masses or agitating among them, but rather by seeking out exceptional individuals in whom Judaism lives not only in their deeds and customs, but in their *hearts*, as the greatest holiness and the purest divine beauty.

Yavneh wants to seek out exceptional individuals who in every aspect of their perceptions, feelings, thoughts, and deeds are willing to serve as a throne for the Infinite. It wants to unify these individuals in a society and to form out of them an example for the entire people.

Yavneh thus wants to devote itself to exceptional individuals, and only to them, recognizing that the Jewish masses today are distant from a higher spirituality, and thus also from deep inner religiosity. In actual fact, the irreligiosity of the Jewish masses is being *especially* strengthened at this moment by the multiple parties on the Jewish street. If leftist, these do battle against religion. Those on the right *mechanize* the Jewish religion. That is why Yavneh seeks to find and bring together those Jewish individuals who feel God in their souls, who live in Him. And because of this, because God lives *within* them, the leftist parties will not be able to *rub God off* of them and the right will not be able to *deaden* Him in them.

The ideal of Yavneh is to seek out and unify those individuals who can feel newly born in God each day ("You are my son; this day I give birth to you." [Ps. 2:7]), along with the great joy of that rebirth and the intense holiness that accompanies it.

Furthermore, Yavneh does not intend to remain only a society for inner religious experiences. Yavneh is also a society of Torah. As such, it demands of its members that their inner life in God be expressed in holy and pure actions.

Thus far tens of individuals have been found in Poland who are prepared to live according to the chief ideals of Yavneh, and to form such a society. I have expounded the details of the Yavneh ideal in a series of articles in *Moment* under the title "The Great Call of the Hour."

A prophetic-mystical work of mine is soon to appear. This will be able to serve as a basis for the entire inner and outer life of every single Jew who seeks the spiritual revival of Israel, especially for each member of Yavneh.

Hillel Zeitlin

# וואָס איז יבֿנה?

„יבֿנה“ וויל זײַן פֿאַרן ייִדנטום דאָס וואָס עס איז געווען פֿאַרן ייִדנטום דאָס חסידות מיט הונדערט און פֿופֿציק יאָר [צוריק], די חסידות אין איר אורשפּרונג, די חסידות פֿונעם בעש״ט. דאָס הייסט ניט, אַז „יבֿנה“ וויל אַליין זײַן דאָס אורשפּרונגלעכע חסידות, נאָר ער וויל אַרײַנברענגען אינעם **יעצטיקן** ייִדנטום די פֿרישקייט, די לעבעדיקייט, די שׂימחה אין גאָט און די דבֿקות אין גאָט לויט דעם שטייגער, די באַגריפֿן, שטימונג, און געזינונג פֿונעם מאָדערנעם ייִדן אַזוי ווי בעש״ט האָט עס געטאָן – אין זײַנער צײַט – לויט דעם שטייגער, באַגריפֿן, שטימונג, און געזינונג פֿונעם **אַמאָליקן** ייִדן. „יבֿנה“ וויל אויפֿלעבן איבער הויפּט די **נשמה** פֿונעם ייִדן ניט דורכן אָרגאַניזירן די מאַסן און אַגיטירן צווישן זיי, נאָר דורכן אויפֿזוכן יחידים, וואָס דאָס ייִדנטום לעבט ניט נאָר אין זייערע מעשׂים און מינהגים נאָר אויך אין זייערע **הערצער**, אַלס די גרעסטע קדושה און אַלס די ריינסטע געטלעכע שיינהייט.

„יבֿנה“ וויל אויפֿזוכן יחידים וואָס זאָל[ן] וועלן זײַן אין זייער גאַנצן אַרט עמפּינדן, פֿילן, דענקען און טאָן אַ מרכּבֿה פֿאַרן אין־סוף, פֿאַראייניקן אָט די יחידים אין איין פֿאַרבאַנד און בילדן פֿון זיי אַ מוסטער פֿאַרן גאַנצן פֿאָלק.

„יבֿנה“ וויל דעריבער אָפּגעבן זיך מיט יחידים און נאָר מיט יחידים, אָנערקענענדיק, אַז די ייִדישע מאַסן זענען בײַ הײַנטיקן טאָג ווײַט פֿון העכערער גײַסטיקייט און דעריבער אויך פֿון טיף אינערלעכער רעליגיעזיטעט. אָט די, אין גרונט גענומען, אי־רעליגיעזיטעט פֿון די ייִדישע מאַסן אין יעצטיקן מאָמענט ווערט נאָך באַזונדערס פֿאַרשטאַרקט דורך די פֿיל פּאַרטייען אויף דער ייִדישער גאַס, וועלכע **באַקעמפֿן** די רעליגיע ווען זיי זענען לינק און וועלכע **מעכאַניזירן** די ייִדישע רעליגיע ווען זיי זענען רעכט. „יבֿנה“ וויל דעריבער אויפֿזוכן און פֿאַראייניקן יענע יחידים בײַ ייִדן וואָס פֿילן גאָט אין זייערע נשמות און לעבן אין אים. און דורך דעם, דורך דעם וואָס גאָט ווינט **אין** זיי, קענען די לינקע פּאַרטייען ניט **אָפּרײַבן** אים פֿון זיי און די רעכטע קענען אים ניט **אָפּטייטן** אין זיי.

דער אידעאַל פֿון „יבֿנה“ איז צו אויפֿזוכן און פֿאַראייניקן יחידים, וואָס קענען זיך פֿילן יעדן טאָג ווי **נײַ־געבוירן** אין גאָט („בני אַתּה – אַני היום ילדתּיך״) און האָבן דערבײַ די גרויסע שׂימחה פֿון אָט דעם נײַ־געבוירן ווערן און דאָס שטאַרקע הייליקייט וואָס באַגלייט אַזאַ געבוירן ווערן.

דערבײַ מיינט „יבֿנה“ ניט צו בלײַבן אַ פֿאַרבאַנד פֿון בלויז אינערלעכע רעליגיעזע איבערלעבונגען. „יבֿנה“ איז דערבײַ אַ **תּורה**־פֿאַרבאַנד און אַלס אַזעלכער פֿאָדערט פֿון זײַנע חבֿרים, אַז דאָס אינערלעכע לעבן אין גאָט זאָל אויסגעדריקט ווערן אין הייליקע, ריינע מעשׂים.

ביז יעצט זענען אויפֿגעזוכט געוואָרן אין פּוילן אייניקע צענדליקער יחידים, וואָס זענען גרייט צו לעבן לויט די הויפּט־אידעאַלן פֿון „יבֿנה“ און בילדן צוזאַמען איין פֿאַרבאַנד.
די איינצלהייטן פֿונעם „יבֿנה“־אידעאַל האָב איך אַנטוויקלט אין אַ ריי אַרטיקלען אין „מאָמענט“ אונטערן נאָמען: „דער גרויסער רוף פֿון דער שעה“.

אין אַ קורצער צײַט אַרום וועט דערשײַנען אַ פּראָפֿעטיש־מיסטיש ווערק פֿון מיר, וואָס וועט קענען דינען אַלס גרונט פֿאַרן גאַנצן אינערלעכן און אויסערלעכן לעבן פֿון יעדן איינציקן ייִדן, וואָס וויל די גײַסטיקע אויפֿלעבונג פֿון ישׂראל, באַזונדערס פֿאַר יעדן „יבֿנה“־מיטגליד.

הלל צייטלין